STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05575

MYAMY BITSH

Herman Eager

Permanent preservation of this book was made possible
by Bert & Nessa Moll
in memory of
Samuel J. Ernstoff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חנן איגער
מיאמי
ביטש

Copyright, 1937
by
HERMAN EAGER
Catskill, N. Y.

PRINTED IN THE U.S.A.

Myold Press
161 Grand St., N. Y
44

צו מיין ליבן
פאָטער און מוטער

פון ווינטער אין זומער

אין דער שטאָט
פון אייזן, שטאָל,
עס ווערט ווינטער
מיטאַמאָל!

ווינטן ווייען
שטאַרק אַזוי,
און דער הימל —
טריב און גרוי...

און אַ שניי
אַ נאַסער פאַלט
אויף די גאַסן,
ווינטיק־קאַלט.

און אַ פראָסט,
ווי מעסער, שנייט,
און צו פרילינג —
אַזוי ווייט...

און מיטאַמאָל,
פון שניי און קעלט —
מען פאַלט אַריין
אין זומער־וועלט!

*   *

דער צוג שלינגגט מײלן,
סאָפעט, שרײַט:
עס איז מיאַמי
שוין ניט ווײַט!

און באַלד, אָט־באַלד,
וועט זומער זײַן!
בוימער, בלומען,
זונען־שײַן!

וואָס־מיר פּראָסט,
און ווער־מיר קעלט!
אַ לעבן נ י י,
אַ נ י י ע וועלט!

ס׳לויפט די באַן
געשווינט, געשווינט;
אַנטלויפט פון שניי,
אַנטלויפט פון ווינט.

דורך דאָרף, דורך שטאָט;
דורך פעלד און וואַלד;
דורך וואָלקנס־רויך —
מיט אַ געוואַלד!

אָט — וואַשינגטאָן,
שוין — דזשעקסאָנוויל!
אָט זיינען שוין
מאַראַנצן פיל!

מ׳זעט שוין בלום,
מ׳שמעקט שוין דופט;
ס׳איז זומערדיק
שוין דאָ די לופט!

נעכטן — ווינטער,
היינט — קיין שפור;
וואונדערבאַר איז
די נאַטור!

און אויפ׳ן אָרט
פון ווינטער-קלייד —
שטראַלט אַרוים
די זומער-פרייד.

ליכט און שטראַל
און אָקעאַן,
באַדעקט דאָס לייב
פון פרוי און מאַן.

מיאַמי ביטש

מיאַמי ביטש —
איז יונג און שיין!
און פול מיט רייץ,
און פול מיט חן!

פאַרבן-רייך
און הימל-קלאָר —
ווי אַ חלום
אויפ׳ן וואָר!

נעכט — באַזילבערט,
טעג — באַגילדט;
שטענדיק גרין
און שטענדיק מילד!

אייביק-זומער
העלט און לאַכט,
און די לבנה —
נעכט באַוואַכט.

און דרינגט אין האַרצן
טיף אַריין,
און באַרוישט
ווי שטאַרקער ווײַן . . .

מיאַמי ביטש —
די שטאָט פון כל בו

מיאַמי ביטש —
טוריסטן־שטאָט;
טוריסט איז אויך
אפילו גאָט.

אידן האָבן
אים אַהער, —
געבראַכט צום „סיזן"
און — ניט מער.

„בשר" שילדן
אויף די גאַסן —
אַפּעלירן צו
די מאַסן:

רופן, וועקן,
שרייען הויך —
אידן, כשרות,
ראָסל־יויך!

גולאַש, צימעס,
בלינצעס, קניש,
קישקע, שטרודל,
ג׳פילטע פיש!

וואָס מ'וויל נאָר,
קאָן מען קריגן:
מילך פון נים,
און מילך פון ציגן.

טראָפיש-פרוכטן,
נאַשערייען;
סאַי צום טרינקען,
סאַי צום קייען.

„הייסע הינטלעך",
ברויט מיט קימל;
אפילו — ס'טעלערל
פון הימל . . .

ס'איז „קוני-איילענד":
טאַ-ראַ-ראַם!
מיט'ן אידישן
ב י ם - ב אַ ם!

אַזאַ גייסטלאָז
אידיש לעבן —
אָן אַן אינהאַלט,
אָן אַ שטרעבן!

און טאָג־טעגלעך
רק מען הערט,
ווי מ׳רעדט נאָר
וועגן פערד,

וועגן הינט
און „סלאָט־מאַשינען“ —
ווי מ׳וואָלט אַראָפּ
פון זינען.

ווייס־געקליידטע
פוסטע פּראַנטן,
„געמבלערס“, „ביגשאַטס“,
ספּעקולאַנטן;

„פּענסנע־דאַמען“ —
פּאַרפיומירטע,
און מיט דימענטן
באַצירטע;

לעבן דאָ —
אין לוסט און פריידן,
אין וואַקכאַנאַלישן
גן־עדן.

אַנדערש . . .

פאַראַן אויך דאָ
אַ קליינע צאָל,
וואָס זיי „געמבלען"
ניט קיינמאָל.

עס גייט זיי ווייניק
אָן דאָס „שפּיל",
ניט דאָס איז
זייער לעבנס־ציל.

זיי פירן קאַמף,
זיי זען שטרייט —
פון דער נאָענט,
פון דער ווייט.

און זיי זיצן
אויפ׳ן זאַמד —
און זיי ריידן
הויך, צעפלאַמט ! —

פון קאַרל מאַרקס,
שפּינאָזאָ׳ס עטיק ;
וועגן גלויבן
און עסטעטיק.

וועגן קריסטן,
וועגן אידן;
וועגן קריג
און וועגן פרידן.

וועגן היטלער'ן
און „אריער"';
און פון לינקע
פּראָלעטאַריער.

וועגן מענטש
און וועגן וועלט,
און וועגן היץ
און וועגן קעלט.

וועגן אַלץ
און וועגן גאָרנישט,
וואָס מען מעג
און וואָס מ'טאָר נישט.

טעאָריעס פליען
ווי די שפּענער,
און — מ'רייסט זיך
ווי די הענער.

דער שלעפּט אַהין,
און דער — אַהער,
און צו אַ „טאָלק"
איז קומען שווער . . .

*　　　　*

ביינאַכט — עס ווערט
אַ ווערטער-מאַנגל,
עס פאַרשווינדט
דער וואָרט-געראַנגל.

און מען זיצט זיך
שטיל אין צווייען,
אין די טונקעלע
אַלעיען —

און ראָמאַנסירן
שטיל און לאַנג —
און קוויקן זיך
מיט ים-געזאַנג.

און טרינקען לופט
אַזוי ווי וויין,
און טרוימען אין
דער נאַכט אַריין . . .

געלט איז ליבע . . .

מיאַמי ביטש —
טוריסטן־שטאָט,
וואו געלט איז ל י ב ע,
געלט איז ג אָ ט !

אַ „ליבער גאַסט“
עס איז נאָר דער —
וואָס האָט די „קלינגערס“
און — וואָס מער.

זייט איר אָרעם ?
ליידט איר פּיין ?
לאָזט מען דאָ
אייך ניט אַריין.

מיאַמי׳ס פּאָמפּ
און רייץ און גלאַנץ,
גייט פאַר׳ן רייכן
בלויז אַ טאַנץ.

נאָר קוים איז אָרעם
אייער טאַש,
ווערט איר דאָ כאַפּן
בלויז אַ — נאַש . . .

„געמבלינג"

מיאַמי ביטש—
פאַר געמבלינג שם'ט:
ניט איין טוריסט
פאַרלירט דאָס העמד.

פערד — בייטאָג,
און הינט — ביינאַכט;
ס'ווערן אוצרות
אויסגעבראַכט!

ניט מען רוט
און ניט מען שלאָפט,
נאָר מען שפּילט
און נאָר מען האָפט!

מ'שטעלט דעם לעצטן
דאָלאַר איין:
ס'זאָל דאָס פערד,
דער הונט — אַריין!

מען גייט, מען פאָרט,
מ'לויפט געשווינט;
ווער — צו פערד,
און ווער — צו הינט.

מ׳לויפט אין
„הייעליא פאַרק״,
ס׳איז „הייעליא״ —
פערד־שפיל מאַרק.

דופק׳ס קלאפּן,
הערצער שפּרינגען;
און מען האַלט זיך
אין איין דינגען.

*　　　*

ניט בעסער איז
די „סלאָט־מאַשין״,
וואָס שלינגט די „ניקלס״
אַן אַ זין!

וואו מען גייט:
מאַשינס — געפּאַקט!
מ׳וואַרפט די ניקלס
און — מ׳קנאַקט!

הימל, ערד,
און „סלאָט־מאַשינען״!
ניקלס זשומען
ווי די בינען!

די ספעקולאַציע
פלאַקערט, ברענט;
און מען שפּילט
ביז לעצטן „סענט“!

מ׳שפּילט און שפּילט —
קיינמאָל ניט זאַט;
אַלע זוכן — דעם
„דזשעק-פּאָט“.

די „סלאָט-מאַשין“
מטבעות פרעסט;
ס׳איז אַ „רעקעט“,
ס׳איז אַ „פּעסט“!

און אַ גוט און
פּעט געשעפט —
נאָר זעלטן, זעלטן
ווען מען טרעפט.

און אָט אַזוי-אַ
רויבט מען צו
פון דעם טוריסט
זיין געלט און רו!

„ריל-עסטייט בום"

אין מיאמי ביטש
א קאך, א „בום":
מען ספעקולירט
געשמאק און פרום!

זאמד און זומפ
ביים ברעג פון ים:
מ'קויפט, פארקויפט,
אין „בום" מיט פלאם!

ס'לעבט ווידער אויף
דער „ריל עסטייט",
וואס ביז אהער
געוועז איז טויט.

יעדע הייזקע
ווערט א ה ו י ז;
יעדער דארן
ווערט א ר ו י ז!

לויפן „לאטס"
פון האנט-צו-האנט,
און — עם פלאקערט,
אזש א בראנד!

בראנקס און פלעטבוש
שטאַרק פאַרטראָטן —
אין דער שטאָט
פון זון און שאָטן.

אידיש־געלט
אין יעדן ציגל,
יעדער שטיין —
אַ רייכער שפּיגל!

און אויף אַלע
גאַסן, וועגן,
ווי די שוועמלעך
נאָך אַ רעגן —

קומען אויף דאָ
איבערנאַכט —
פול מיט גלאַנץ
און פול מיט פּראַכט —

הויז און פּאַלאַץ
און האָטעל, —
הימליש־בלוי
און זוניק־העל!

די געביידעס —
מאָדערניסטיש,
רייך־געפאַרבטע
און קוביסטיש.

און די „פּאַטיאָס“
עכט ספּאַניש,
און די פּאַלמען
עכט קובאַניש.

און „ניאָן“ שילדן
פינקלען, גלאַנצן,
ווי זיי וואָלטן —
הוליען, טאַנצן!

און די קראָמען,
רעסטאָראַנען —
פול מיט לוקסוס,
אַלץ — פּאַראַנען!

באַצאָלן וועט שוין
דער טוריסט —
פון דער „נאָרטה“
און פון דער „איסט“.

פון דער „וועסט“
און — אומעדום;
ס׳וועט נאָך פעלן
ליידיק „רום“.

וואָס „דעפּרעסיע“!
נישטאָ קיין געלט?
מיאַמי ביטש
פאַר ז י ך אַ וועלט!

ס׳איז אַ „קלאַנגדייק“,
אַ שטילער „בום“,
וואָס גיט מיאַמי
רחבות, רוהם!

בויט מען, קלאַפּט מען,
ס׳איז דאָ פריילעך —
פאַר׳ן טוריסט,
פאַר׳ן מלך!

ליילעכער...

מיואמי ביטש
אין סיזן-ברען —
ווי סאַרדינקעס
אין אַ „קען".

אַכט אין צימער,
דריי אין בעט —
מ'וואַלגערט זיך —
אַ לאַזאַרעט.

אין פילע הייזער
ליילעך — ווענט,
אריינצונעמען
וואָס מער „רענט".

אַ ליילעך איז
אי וואַנט, אי טיר,
און ליילעכער —
גאָר אָן אַ שיר!

ס'איז אַ סיזן —
ברען און אימפּעט!
ליגן פילע
ווי אין קימפּעט...

רייכע שלאָפן
אין האָטעל,
און פון קבצנים
ווערט אַ — תל.

מ׳שלאָפט אין נאָרעס
ווי די מייז,
און מען צאָלט
דערפאַר אַ פרייז.

„גאַראַדזשעס״, בוידעמס,
אַלץ גייט מיט —
אַלץ איז סחורה
אויפן יאַריד.

ס׳איז דאָס לעבן
איינג און וויסט,
פאַר׳ן אָרימען
טוריסט.

אַבי נאָר אין
מיאַמי זיין —
איז פאַר זיי אַלץ
גוט און פיין . . .

פּאַלמען

מיאַמי ביטש
איז פּאַלמען־רייך,
ס׳איז אַ פּאַלמען
קעניגרייך!

פּאַלמען, פּאַלמען,
אַלערליי —
ווי אַ פּרעכטיקער
מוזיי!

פּאַלמען גלייכע,
פּאַלמען קרומע;
און „צולאָזענע“
און „פרומע“.

דינע, גראָבע,
הויך און העכער —
רעגן־שירעמס,
גרינע פעכער!

קעפּ — געפּליגלט,
שלאַנק — די שטאַמען,
ווי געפּוצטע,
שיינע דאַמען.

„ראַיאל“ פּאַלמען —
הויך, — גיגאַנטן!
יונגע, שטאָלצע,
שלאַנקע פראַנטן!

צו דעם הימל־בלוי
זיך שטרעקן —
ווי זיי וואָלטן
וואָס אַנטדעקן.

פּאַלמען — זקנים
טיף זיך נויגן,
פון דער עלטער
איינגעבויגן.

פיל אויף „קוליעס“
אָנגעשפּאַרטע,
שטייען זיי
ווי אָפּגענאַרטע.

לאַגל־פּאַרמיג
גאָר ביים באָדן,
און מיט קאָקאָ־נים
געלאָדן.

קאַקאָ־נים, ווי
„בינטלעך טרויבן",
הייגנען רייף
אַראָפּ פון אויבן.

אין האַרטער שאָלעכץ
אַ פאַרבעטע —
זון־געקושטע,
ווינט־געגלעטע —

הייגנען זיי זיך
אין אַ „בינטל"
ביז זיי פאַלן
פון אַ ווינטל.

* *

און אַלע פּאַלמען
אימפּאַנירן,
און אין טרוימלאַנד
זיי דערפירן.

קומט אַ ווינטל —
מורמלען פּאַלמען:
שטילע, סודות׳דיקע
פּסאַלמען . . .

לייכטזין ...

מיאַמי ביטש
איז פלייש און לייב;
עראָטיק, שפּיל,
און צייט־פאַרטרייב.

אויף יעדן אָרט,
אויף יעדן שפּאַן:
זוכט מאַן — די פרוי
און פרוי — דעם מאַן.

עס איז אַ פריי,
אַן אָפן־פעלד, —
וואו יעדער איינער
ווערט אַ „העלד".

און מען הוליעט
און מען פלירט,
און מען „ליבט"
און מען פאַזירט.

יעדער שטומער
לשון קריגט,
און דער שוואַכער
ווערט באַזיגט.

ס׳ווערן אַלטע
ווידער יונג,
און — מען פּלאַפּלט
מיט׳ן צונג.

וואָס מיר הייראַט! —
אַלע „סינגל״;
יעדער זיידע
ווערט אַ אינגל.

יעדע באָבע
ווערט דאָ — „דאַמע״,
און אַ „מיידל״
ווערט די מאַמע . . .

און מען זוכט דאָ
לעבנס — „טריל״,
און מען זינדיקט
אין דער שטיל . . .

און מען טרינקט
פון „זיסן סם״, —
און מען שווינקט
די זינד אין ים . . .

ווײַן און פּײַן

מיאַמי איז
צעטײלט אין צװײ:
אײן טײל איז פרײד,
אַ צװײטער — װײ.

אײן טײל איז ליכט,
מוזיק און װײַן,
אַ צװײטער — פינצטער,
נויט און פּײַן.

אײן טײל עס װײנט,
אײן טײל עס לאַכט;
בײ אײנעם — טאָג,
בײם צװײטן — נאַכט.

און יעדער טײל —
אַן אַנדער װעלט;
אויף אײן זײט נויט,
אויף אײן זײט געלט.

אײן טײל פאַרטאָן
אין ראַסקאַש, שפּיל;
אַ צװײטער הונגערט
אין דער שטיל.

ניט פאַר אַלע
אַ גן־עדן —
אין דער שטאָט
פון לוסט און פריידן.

די וואָס אַרבעטן
און שאַפן, —
מוטשען זיך דאָ
ווי די שקלאַפן.

ניט פאַר זיי
מוזיק און טאַנץ,
רייכטום, לוקסוס,
שיינקייט, גלאַנץ!

אַרבעטן —
וויפיל מען וויל,
אָן אַן ענד
און אָן אַ ציל.

נאָר ניט מאָנען
צופיל געלט,
און ניט טראַכטן
וואָס זיי פעלט...

אונטער דער זון

מיאַמי ביטש —
וואו זונען־שטראַל,
ציט דעם טוריסט
פון איבעראַל.

איינער קומט צוליב
דער קעלט,
אַ צווייטער — ווייל
געזונט אים פעלט.

אַ דריטער קומט
דערטרינקען לייד —
אויסטאָן זיך
פון ווינטער קלייד.

אַ מיידל קומט
אַ שידוך טאָן;
אַ בחור קומט
אַזוי פאַר „פאָן“...

און יעדער באָדט זיך
דאָ און בראָט,
און מען שוויצט
ווי אין אַ באָד —

ביז דאָס לייב ווערט
פייער־רויט,
אַזש עס קריכט
אַראָפּ די הויט!

און דער „ביטש“
איז פול מיט לייב —
בחור, מיידל,
מאַן און ווייב.

אויסגעצויגן
ליגט מען — פויל,
אויסגעשמירט
אין פעטס, אין אויל.

און מען בראָט זיך
אין דער זון,
כאָטש מ'ליידט נאָכדעם
דערפון.

ניט צום זיצן!
ניט צום ליגן!
אַבי — „פאַרשוואַרצט“ —
אַ פאַרגעניגן...

רייך און גייסטרייך

מיאַמי ביטש
באַזיצט אַ כח,
וואָס באַפרידיקט
גוף און מח.

קומט מען איינמאָל —
קומט מען ווידער;
ס׳דרינגט אַריינ׳עט
אין די גלידער!

מ׳קאָן די פּאַלמען
ניט פאַרגעסן;
ס׳איז יעדער פּאַלם
אַ — פּרינצעסין!

יעדער ווינטל —
ווי אַ מאַמע,
יעדע נאַכט —
אַ ליבע דאַמע!

און די בלומען —
פּיל קאָלירן:
בלענדן, רייצן,
שימערירן!

הימל קוקט מיט
טויזנט אויגן, —
פאַרביק-רייך
ווי רעגנבויגן!

און די בלויקייט —
אויג-היפּנאָטיש!
קונסט-געמאָקט
און רייך, עקזאָטיש!

ניי און אַנדערש
איז דער קומער,
אין דער שטאָט פון
אייביק-זומער.

אַ נייער שפּיל פון
ליכט און שאָטן, —
פויגלען זינגען
נייע נאָטן!

וואונדער ווינקלען,
טרוים-לעגענדן;
ווי זיי פינקלען,
ווי זיי בלענדן!

כשוף־טענער,
וואונדער־טעמעס ;
ווי סימפאָנישע
פּאָעמעס !

לאַנדשאַפט פלאַך —
אָן בערג, אָן טאָלן ;
דאָך אַזאַ שפע
דאָ צו מאָלן !

ס׳האַלט דער מאלער
ווי געפאַנגען,
גיט דעם דיכטער
ניי־געזאַנגען.

און דעם דיינקער
גייסטיק־שפּייזן,
אין אַ וועלט
פון שטאָל און אייזן.

דער רייכער האָט זיין
וויין און דאַמע...
דער גייסט־רייכער —
די פּאַנאָראַמע.

קאַלט און וואַרעם

מיאַמי ביטש
איז שטאַלץ דערמיט,
וואָס זי האָט
קיין ווינטער ניט.

זי רעקלאַמירט עס
אויפ׳ן קול!
ס׳שפּילט דער וועטער
דאָ די „ראָל״.

ווען אין ניו־יאָרק
אַ שניי עס גייט,
צעפּויקט מען עס
מיט גרויסער פרייד!

מען צעשפּרייט
די נייעס ווייט —
מיט גרויסע „קעפּלעך״
ערשטע זייט!

מען גיט עס איבער
פּונקט פּאַרקערט:
פון אַ שניי —
אַ „שטורעם״ ווערט!

אוּן ווען אַ ווינטל
מילד דאָרט בלאָזט,
שרייבט מען דאָ
אַ — „גרויסער פראָסט !“

„אַ זאווערוכע
קערט אַ וועלט ;
מענטשן פאַלן
דאָרט פון קעלט !“

עס איז געשעפט
געשטעלט אין קאָן, —
שרעקט מען דעם
טוריסט דאָ אָן...

מען וויל ער זאָל
פאַרבלייבן נאָך —
כאָטש נאָך אַ וואָך,
אוּן נאָך אַ וואָך!

אוּן ווען עס טרעפט —
אויך דאָ ווערט קיל,
פאַרשטיקט מען עס
אין — שאַ אוּן שטיל!

מ׳טאָר ניט וויסן
וואו דערפון,
אַז דאָ שיינט ניט
היינט די זון!

דאָ מוז שטענדיק
זומער זיין;
שטענדיק פול
מיט זונען־שיין!

נעגערס

אין מיאַמי ביטש
שוואַרץ-הויטיקע,
זיינען בירגער
נויט—יקע . . .

טעפּל-וואַשער,
פּעקל-טרעגער,
שטיוול-פּוצער,
אַלץ — דער נעגער.

און די מאַניערן —
דעליקאַטע ;
ווייך ווי סאַמעט,
ווייך ווי וואַטע . . .

„יעס-סאַ, יעס-סאַ,
אַ אָביי, סאַ !
„יעס-סאַ, יעס-סאַ,
יו איז אָקיי, סאַ !“

און די פרויען —
הענט — באַדינען :
וואַשן קאָכן,
פון באַגינען.

ווייסע דורות
זיי דערציען,
און הכנעה׳דיק
זיי קניען...

נעגער היים איז
„קאָלאָרד-טאַון״,
פאַר די מערסטע
איז ער „קלאַון״...

עס אַמוזירט זיי
זיין טראַגעדיע;
פאַר זיי איז נעגער
אַ קאָמעדיע...

ווערט „געלינטשט״
און ווערט געהאַנגען,
מיט אַ פרייד
און מיט געזאַנגען!...

אָ, ווען לינקאָלן
זאָל עס וויסן,
ווי זיין „באַפרייטער״
ווערט צעריסן —

וואָלט אים דאָרטן
אין דעם קבר,
אויפגעציטערט
יעדער אבר!...

*　　*

דאָך איז נעגער
לוסטיק, פריילעך!
ניט ווי שקלאַף,
נאָר ווי מלך.

אין ליד-עקסטאַז,
אין „דזשעז" און טאַנץ,
באַקומט זיין „איך"
אַ פרישן גלאַנץ!

אין „ספירטשואַלס",
אין „יוקאלײלי",
ליגט זיין ווײ,
זיין „אלי-אלי".

אין זיין „לאָרד",
אין זיין גלויבן;
ווערט דער נעגער
הויך דערהויבן!

ער גייט אַריין דאָן
אין התפעלות,
און פאַרגעסט זיך
פרעגן שאלות.

אין זיין טאַנצן,
אין זיין שוועבן;
פאַרגעסט ער אָן
זיין שווערן לעבן...

אין זיינע פריידן
ליגט פאַרבאָרגן —
טיפער אומרו,
שווערע זאָרגן!

וויינט דורך לאַכן,
לאַכט דורך וויינען, —
אַ געמיש פון צוויי
אינאיינעם...

„האָלי ראָלערס" אין מיאַמי

„האָלי ראָלערס" —
אַ חסידיזם,
פול מיט טראַגיק
און קאָמיזם.

ס'גלויבט דער נעגער
אין דעם בורא,
און ער האָט פאַר אים
שטאַרק מורא!

ער איז אַ „זינדיקער"
אודאי, —
איז ער זיך פאַר אים
מתודה...

און ער שלאָגט זיך
שטאַרק על־חטא;
און ער „דאַוונט"
מיט געבעט!

ער זוכט אַן אויסלייז,
אַ נחמה;
פאַר זיין זינדיקער
נשמה...

*　　*

דער שוואַרצער „רבי“
האַלט אַ דרשה:
שטראָפט דעם זינדיקן,
דעם רשע!

טיילט אוים מוסר,
האָט פּאַראַיבל;
לייענט און ציטירט
פון ביבל.

און צעוואַרעמט
די געמיטער,
ווי מיט ברענענדיקע
ריטער!

זיינע ווערטער,
ווי קינדזשאַלן
אויף די שוואַרצע קעפּ
זיי פאַלן!

און ער מאָלט זיי
גיהנם בילדער;
און זיי ווערן
ווילדער, ווילדער!

ווי אַ שטראָם
ס׳ווירקן פּראַזן,
און זיי גייען
אין עקסטאַזן!

אַ געשריי
און אַ יללה;
און אַ יאָמער,
אַ בהלה!

מ׳רייסט די האָר,
מ׳שרייט, מען זינגט;
מ׳פּאַטשט, מען יאָמערט
און מען שפּרינגט!

מען צאַפּלט זיך
ווי אין קאָנוואולס;
ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ,
עס האַמערט פּולס!

אַ געראַנגל,
אַ געפּילדער;
אַ „סענט וויטוס" טאַנץ
אַ ווילדער!

יעדער איינער
אויף זיין אופן, —
וויל גן־עדן
זיך איינקויפן.

יעדער איינער
אין טומאַן,
אין אַ „טראַנס“ —
איז פרוי און מאַן.

מען קייקלט זיך
פון גרויס עקסטאַז,
ווי פאַרטשאַדעטע
פון גאַז ! ...

* *

זונטאג נאַכט
עס ווערט דער נעגער
אַ באַשולדיקער,
אַ קלעגער.

ער קלאָגט דעם וויסן
אַן פאַר גאָט :
פאַר׳ן שאַנד
און פאַר׳ן שפּאָט.

בײַ זײַן גאָט
ער זוכט אַ תּקון —
זײַן שטילן װײטיק
צו דערשטיקן.

עס טוט אים װײ
און אים פֿאַרדריסט,
אױפֿ׳ן „סאָטהערנעם"
סאַדיסט...

דורך חסידיזם
זוכט ער יושר
בײַ דעם װײסן,
בײַ דעם עושר.

און לעכצנדיק
נאָך פֿרײד און גליק
פּראַװועט ער
װילד־פּרומע שטיק.

* *

אַ מײדל טאַנצט
פֿאַרשײט און װילד, —
אַ פּאַטעטיש,
גרױזאַם בילד!

זי צאַפּלט זיך —
דאָס לייב זי בייסט;
די האָר פון זיך
זי צופּט און רייסט!

און פאַלט און פאַלט
און הויבט זיך אויף,
און מאַטערט אוים
איר שוואַרצן גוף.

אַראָפּ פון וועג...
געוועזן בלינד....
בעט זי גאָט
פאַר אירע זינד!

און אין אַ „טראַנס"
זי פאַלט אַריין,
ווי אַ פאַר'שכור'טע
פון ווייַן!

* *

אַזוי־אַ ווייַנען
זיי זיך מודה,
פאַר דער גאַנצער
שוואַרצער עדה.

אונ עס ליטערט
זיך פון זינד
דער, וואָס איז
געווען בלינד...

ווער איז ווער?

אין מיאַמי ביטש
איז זאָגן שווער —
ווער איז יענער?
ווער איז דער?

ווער איז אָרעם?
ווער איז רייך?
פראַנטן אַלע —
אַלע גלייך!

זײַ אַ חכם,
אונטערשייד —
אַז אַלע גייען
ווייס-געקליידט.

ס'איז איעדער
דאָ אַ פראַנט —
אויסגעפּוצט
און עלעגאַנט!

קבצן, רייכער,
מיטל-מאַן —
יעדער איינער
„דאָן זשואַן"!

יעדער איינער
אַ טוריסט;
צי ער הונגערט,
צי גענייסט.

אין „בילדינג־סוט"
אודאי שווער
צו אונטערשיידן,
ווער איז ווער?

און דאָס פּנים —
אויך אַגאַל:
„אָפּגעברענט"
פון זונען־שטראַל.

איז פּאָר מיידלעך,
נעבעך, שווער —
צו אונטערשיידן
ווער איז ווער?

צי דער — וואָס רעדט
פון „גליקן" פיל?
צי דער — וואָס חלומ׳ט
אין דער שטיל?

מיט אַ „פּעקערד“,
מיט אַ „פֿאָרד“ —
ס׳איז יעדער איינער
דאָ אַ „ספּאָרט“!

אַ געמיש —
קבצנים, שררות!
זיינען מיידלעך
דאָ אויף צרות...

*　　　*

אַ מיידל פּאַקט
אַ „דזשענטלמען“!
זי דענקט, — זי האָט
אים שוין אין „פּלען“...

שיין איז ער,
ס׳פּנים גלאַט;
רייך-געקליידעט —
אַ מאַגנאַט!

וואַרפט זי אויגן
אויף אים באַלד;
און דער בחור,
נעבעך, פּאַלט...

נאָר אַנשטאָט
אין „קאַבאַריי“,
נעמט ער איר גאָר
אין — מ ו ז י י...

און ער לייט ביי איר
אַ „דאַים“ ;
און ער גיט איר
אַ — „גוד טאַים“ ...

מיאַמי׳ס תושבים*)

מיאַמי׳ס תושבים —
איד און קריסט,
זיינען מערסטנס
פון דער „איסט“;

פון דער „וועסט“,
און פון דער „נאָרט“ —
זייער היים
געווען איז דאָרט.

ס׳האָט דאָס לעבן
זיי געבראַכט —
פאַר געשעפטסלייט
דאָ געמאַכט.

ג׳וואָרן „סאטהערנערס“
דאָ הי,
כאָטש אָנגעקומען
מיט פיל מי.

אַריינגעפאַסט זיך
אין דער ראַם,
אַריינגעפלאַנצט
אין נייעם שטאַם.

---

*) איינוואוינער.

„פראָווינציעל"
געוואָרן דאָ,
און גייסטלאָז ציט זיך
דאָ די שעה.

באַוועגן זיך
פלעגמאַטיש, שטיל,
בלוט געוואָרן
דין און קיל.

פּילע, פּילע,
רייך געוואָרן,
און אין לוקסוס
זוייט פאַרפאָרן.

דאָך ביינקען פּיל
פון צייט צו צייט,
נאָך „יענע טעג"
דאָרט אין דער ווייט.

נאָך יענע טעג,
נאָך יענעם גלאַנץ —
און נאָכן ערשטן
ליבעס-טאַנץ . . .

דאָרט וואו יוגנט
האָט געגליט,
און דער חלום
האָט געבליט!

אַלט און גרוי
געוואָרן דאָ,
און די יוגנט
מער ניטאָ . . .

חלומות ד אָ ר ט ן
ניט דערשפּונען,
און אויך ד אָ
זיי ניט געפונען.

ס'ציט זיי דאָרט
אַהין צוריק, —
צום פאַרלאָרן,
אַלטן גליק . . .

אַפילו נאָך
די פרעסט און שניי,
אַהין, אַהין, —
ס'בייַנקט זיך זיי . . .

* *

נאָר אַנדערש איז
דער יונגער דור,
פאַר אים איז חלום
דאָ — די וואָר.

אים בײנקט זיך ניט
דאָרט ערגעץ וואו —
פאַר אים איז דאָ
זײן גליק און רו.

כאָטש טיף אין האַרצן,
אין דער שטיל,
ליבט ער ניט
דעם טוריסט פיל —

דאָך אויף „אים"
ער האָפט און בויט!
ער איז זײן פוטער
און זײן ברויט!

וואָס מערער געסט!
אַלץ מערער געלט!
וואָס גייט אים אָן
די גאַנצע וועלט!?

די „באָוערי"

אין מיאַמי ביטש
אַ גאַס פאַראַן,
איז די גאַס
די גרויס — אַ שפּאַן!

און אָרעם איז זי,
טונקל, בלאַס —
די „באָוערי"
מ'רופט די גאַס.

די גאַנצע גאַס
אַ „בלאַק" — ניט מער;
נאָר גרויס דער טומל,
דער פאַרקער!

אַפילו אויך
דער רייכער קלאַס,
קומט באַזוכן
אָט־די גאַס.

און וואָס מ'וויל נאָר —
דאָ פאַראַן;
אין דער גאַס
די גרויס — אַ שפּאַן!

„העם ענד עגם“,
און הערינג, באָרשט;
און אויך צו שטילן
זיך דעם דאָרשט...

טרינקט מען בראַנפן,
טרינקט מען וויין;
ביז'ן העלן
טאָג אַריין...

מ'קאָן זיך „וועגן“
דאָ, און מעסטן,
און דעם „בלאַד-פרעשור“
זיך „טעסטן“.

און דעם קערפּער
מאַסאַזשירן,
דעם „קאָרפּאָריישן“
דאָ פאַרלירן!

און דאָ ליגן,
און דאָ זיצן;
אין „סאָלאריומס“
דאָ שוויצן!

אויף פּאָר „פּענס" —
קולאַקן־פּעכט,
וואו איינס דעם צווייטן
נאַקן ברעכט!...

און קאָרטן, „דאַיס",
שפּיל און שפּיל;
און אויף „ליבע" —
ווער עס וויל.

מ'שפּילט אין „נומערן",
„רולעט";
מ'שפּילט אין נאַכט אריין
ביז שפּעט.

דורכ'ן טאָג
איז — שאַ און שטיל,
נאָר קומט די נאַכט —
עס פלאַמט דער שפּיל!

אַלע שפּילן —
אַ יאַריד!
יונג און אַלט,
און קריסט און איד.

און אָפּן, פריי,
דאָס שפּיל גייט אָן,
און ט י י ע ר קאָסט
דער — „לאַטס אָף פאָן“ . . .

*　　*

און ניט ווייט —
אַט-דאָ דערביי,
אונטער׳ן בלויען
הימל, פריי —

נעמן פאָרלעך
אַ שפּאַציר
צו דעם „מיליאָן
דאָלאַר פּיר“ —

וואו „בוירלעסק“,
אַזש פון „טאַימס סקווער“,
רייצט און רעגט
און וועקט באַגער . . .

און דער „דאָג טרעק“
קעגן איבער
ברענט און פלאַקערט
ווי אין פיבער.

רופט די קונדן:
קומט אַצינד;
ס׳לויפן היינט
די ב ע ס ט ע הינט!

*　　　*

און אידן וואוינען
האַ אַרום —
אידן אָרעם,
אידן פרום.

און אַ שול
איז דאָ ניט ווייט,
פאַר די פרומע
טוריסט-לייט.

שבת, יום-טוב,
דוכט זיך אוים —
אַז דער געגנט
איז אַ קלויז...

און פון קליינע
איינגע דירות
הערט מען שבת
זינגען זמירות.

אַן אינדיאַנער דערפל

אויפ׳ן „טרעיל“
טאַמיאַמי,
לעבן זוניקער
מיאַמי —

ווייט אַרונטער,
מערער דרום;
טיפע זומפּן,
וויסט און אָרעם.

— ווילדע פלאַנצן
דאַר ווי פייגן!
איינגעהילט
אין מדבר שוויגן . . .

אין אַ ווינקל
אין אַ דרימל, —
צווישן פּאַלמעס,
זאַמד און הימל —

צווישן קאַקטוס,
קראָקאָדילן;
ווילדע פייגלען,
און רעפּטילן —

שטייט אַ דערפל
ווי אין כשוף —
אַן אינדיאַנער
קליינער ישוב.

אַן אינדיאַנער
רעזערוואַציע —
ווייט פון מענטש,
ציוויליזאַציע.

און זיי זיינען
קליין אין צאָל,
פון דעם שבט
ס ע מ י נ אָ ל*).

אין רונדעביידלעך
מיט טאַפּטאַשאַנען,
ווי ציגיינער
קאַראַוואַנען —

באַדעקט מיט שטרוי
פון פּאַלמען-בלעטער,
צו באַשיצן זיך
פון וועטער —

---

*) זע זייט 96.

שפּינען זיי דאָ
אויס אַ לעבן:
שניצן, קאַרבן,
שטריקן, וועבן.

זייערעביידלעך —
היים-פאַבריקן —
וואו זיי נייען
און זיי שטריקן.

וואו זיי שאַפן
שטיל, געלאַסן,
פאַר די ווייסע
טוריסט-מאַסן.

אָט-אַזוי, אויף
זייער אופן,
זייער האַנט-ווערק
זיי פאַרקויפן:

פייל-און-בויגנס,
שאַכטלעך, קעסטלעך;
האָלץ-געשניצטע
קערבלעך, מעסטלעך.

און געפּאַרבטע
קליינע טיכלעך,
און געשטריקטע
פרויען־שיכלעך.

אַלץ אין רעש׳יקע
קאָלירן,
וועלכע בלענדן
ווי סאַפּירן.

קרענצלעך פּערל,
שפּיל־צייג, רייפן, —
סואווענירן
צום פאַרקויפן.

סואַווענירן
כל המינים —
פאַר טוריסטן,
די מבינים.

*　　　*

און אינדיאַנער
פרויען, מיידלעך,
באָרוועסע, אין
גראַטעסק־קליידלעך —

שוואַרצע אויגן,
שוואַרצע האָר ;
ציינער, ווי
אַלבאַסטער קלאָר —

זיינען אויסגעפּוצט,
באַהאַנגען
מיט קאַרעלן,
ווי די שלאַנגען . . .

*   *

און „פּאַפּוסן" —
קינדער קליינע :
הוילע, באָרוועסע —
ניט ריינע ;

שפּילן זיך מיט
קליינע טאַטשקעס ;
באָדן זיך אין שמוץ,
ווי קאַטשקעס . . .

און זיי שטרעקן
די „דאָלאָנע",
און זיי בעטן :
„מאַ־נע, מאַ־נע !"

*   *

און דער „טשיף“ —
שוין אַלט און גרוי,
אין אַ קאַפּעליוש
פון שטרוי —

אויפ׳ן אָפּגעגאָלטן
קאָפּ,
מיט אַ טשוביק,
ווי אַ צאָפּ —

שניצט פון האָלץ אויס
אַ „קאַנו“,
און פאַרטראַכט
ער קוקט — אַוואו...

און אַלע ביי
זיין זייט אַרום,
זיצן טרויעריק
און שטום —

און אויף זייערע
געזיכטער —
ליגט אַן אומעט
אַ געדיכטער...

דאָס בײנקען זײ
נאָך יענע טעג,
נאָך אַלטן רום
שוין לאַנג אַװעק!

נאָך פּרימיטיװע
אַלטע פרײדן,
פון פאַרצײטן —
נאָך פון זײדן!

נאָך זײער לאַנד,
נאָך זײער גליק!
װאָס קומען װעט ניט
מער צוריק.

אַמאָל, אַמאָל, —
געװעזן רײך;
אַמאָל, אַמאָל,
מיט לײטן גלײך!

האָט דער װײסער
מיט'ן שװערד
פאַרטריבן זײ
פון זײער ערד!

האַסן זיי אים
איצט דערפאַר;
פאַראַכטן אים —
דעם ווייסן האַר!

זיי ווילן זיין
אַליין, אַליין...
איצטער — ווען זיי
זיינען קליין.

זייער האַנט דעם
שונא געבן?
ניין, זיי קאָנען ניט
פאַרגעבן!

קיין שלום מיט די
ווייסע הענט! —
באַזיגער פון
אַ קאָנטינענט.

סעמינאָלער'ס
שטאָלץ איז שטאָל;
זיי געדיינקען
דעם אמאָל!...

חלאים*)

אין מיאַמי ביטש
אַ סך חלאָים —
סאַי פון אידן,
סאַי פון גוים.

יעדער חולה
טראָגט זיך אום
מיט זיין „פעקל“,
מיט זיין „מום“.

מיט זיין „שניט“
און מיט זיין „אוי“
כאַפּט ער אָן זיך
אָן אַ שטרוי...

כאָטש ים און זון
איז אַ רפואה,
פאַר די מערסטע —
אַ ישועה —

דאָך זוכן פילע
„באבסקע“ זאכן:
אפשר וועט אַ „נס“
זיך מאַכן?

---

*) קראַנקע.

אונ מען פּרואווט
אַיעדן מיטל,
כאָטש מען קוקט
אויף דעם מיט ביטול...

יעדער איינער דאָ —
אַ „דאָקטאָר"!
אָבי אַ מיטל
נאָר פאַרמאָגט ער.

עס דוכט זיך יעדן:
אפשר טאַקע
אַ „רפואה"
צו דער „מכה"?

אפשר טאַקע
איז ער „ספּעץ"?
הערט מען אוים
אַיעדן „לץ"...

אונ טעאָריעס
ווי די שפּענער,
באַמבלען זיך ביי
פרויען, מענער.

עס שטימט ניט איינע
מיט אַ צוויטע,
און דער חולה
בלייבט דער שוטה...

ס׳זוכט דער חולה
אַ ישועה:
פון אַ קאַזאַק —
אַבי רפואה...

דר. „נאַטוראָפּעט"

אין מיאַמי ביטש —
ביים „ביטש", אין גאַס,
טשיקאַווע טיפּן —
פול מיט שפּאַס.

פאַראַן אַ דאָקטאָר
אַ „נאַטוראָפּעט",
וואָס קאָן מאַכן
דאַר און פעט.

האָט איר „אַסטמאַ"?
הינער-אויגן?
ז'אייער מאָגן
אויסגעצויגן?

שמאַרצט אייך? ברענט אייך?
גאַזן פרעסן?
ניט פאַרדייען,
און ניט עסן?

ווילט איר ווערן
אינגער? שענער?
האָבן חן ביי
פרויען? מענער?

זייט איר גרוי שוין?
זייט איר אַלט?
האָט ער אַ מיטל
פאַר אייך באַלד.

יעדע קריינק
פאַרשטייט דער דאָקטאָר,
און אַלעם היילט ער —
אַזוי זאָגט ער.

פיזיש איבונג
ציטרעס־זאַפט —
אין דעם עס ליגט
די היילונג־קראַפט.

„ליימס" און „אָרענדזש",
און „גרייפ־פרוט"
וועט אייך געבן
פרישן מוט.

וועט אייך שטעלן
אויף די פיס,
און דאָס לעבן
מאַכן זיס . . .

אַט־אַזוי עס רעדט
דער דאָקטאָר,
און חברה גאַפּן:
„אַי, אַי, זאָגט ער!„

און פּאָלגן אוים
די עצות זיינע —
און טראָגן געלט אים
אָן שום טענה.

און ער קנעט דערפאַר
די לייבער —
סיי פון מענער,
סיי פון ווייבער.

הייסט זיי טרינקען
זאַפטן־שפייז,
פאַסטן טעגלעך
און — „עקסערסייז“.

דערווייַלע קויפט מען
פרוכט — אַ וועלט!
און די הענדלער
לייזן ג ע ל ט . . .

„עקסערסייז“

און יעדן טאָג
אָן מוט, אָן פליים,
מאַכן מענטשן
„עקסערסייז“.

און מען קאַטשעט זיך
אין זאַמד —
מיט שוויים באַגאָסן
און צעפּלאַמט!

אַלטע, יונגע,
חברה יאַטן, —
מוסטשירן זיך
ווי די סאָלדאַטן.

און דער דאָקטאָר
אויף אַ טיש —
גיט באַפעלן,
מונטער, פריש —

„עוורי־באדי:
וואַן, טו, טהרי!“
און חברה טוען־נאָך
מיט מי...

טאַטע, מאַמע,
זיידע, באָבע —
דינע, פעטע,
דאַרע, גראָבע.

הויכע דראַנגעס,
גראָבע ווייבער —
עס באַוועגן
מיט די לייבער.

מאַנכע — לאַנגזאַם,
מאַנכע — שנעל,
כאָטש פאַרקערט
איז דער באַפעל.

פאַרשוויצט, פאַרמאַטערט,
און אָן מוט —
אַז דער „רבי“ הייסט —
מסתּם איז גוט . . .

צוויי „ספּאָרטס"

אַן אַלטיטשקע
אין „ביידינג-סוט",
וויל נאָך גלאַנצן —
האָבן מוט...

הויבט קוים די פֿיס,
הויבט קוים די הענט —
„אָ, דזשי, דאָקטאָר,
איט'ס האַרד, אַי קענט!"

און אַ פֿרוי
אָן טעם, אָן זאַלץ,
וואָס וויל פֿאַרלירן
פֿודן שמאַלץ —

באַוועגט זיך פֿויל,
פֿלעגמאַטיש, שווער —
„אוי, זאָל ער אַזוי,
ווי איך קאָן עס מער!"...

נאָר וואָס טוט מען ניט
צוליב אַ פֿונט?
מ'פֿאַרלירט אַפֿילו
דעם געזונט...

אַט-אַזוי-אַ
יעדן טאָג —
צוליב ווינציקער
און מערער וואָג.

און דער סוף?
אַ וואונדערבאַרער!
פעטע — פעטער,
דאַרע — דאַרער...

וואַסער . . .

נאָך אַ דאָקטאָר
דאָ פאַראַן —
זיין רפואה
איז דער „קראַן“.

וואַסער, וואַסער,
דאָס היילט אַלעם —
אַ מעדיצין
מיט טויזנט מעלות!

און אָט־אַזוי
ער דרייט אַ היטל,
אַז וואַסער איז
דער בעסטער מיטל —

פאַר די לונגען,
פאַר׳ן מאָגן;
ס׳קלענסטע קינד
קאָן עס פאַרטראָגן.

עס קאָן דאָך וואַסער
ניט פאַרשאַטן —
ניט דער מאַמען,
ניט דעם טאַטן.

גוט פאַר יונגע,
גוט פאַר אַלטע —
לעשט אָפּ הייסע,
וואַרעמט קאַלטע...

וואַסער וועט אייך
י ו ג נ ט געבן!
פון וואַסער וועט איר
א י י ב י ק לעבן!

ס'איז וואַסער גוט
אין קעלט, און היץ,
און פאַר אַ באָד
און פאַר אַ שוויץ...

און ער ברייעט
פייער־פלאַם,
אַז מעדיצין
איז לויטער סם...

קויפט מען זיינע
באטלעך וואַסער,
און מען ווערט אַלץ
בלאַסער, בלאַסער...

אַ „האָריקער" וועגעטאַריער...

אַ מאַן פון דרייסיק
אומגעפער,
גייט באַוואַקסן
ווי אַ בער...

ער זאָגט, דער סוד
פון לאַנגע יאָר,
ליגט דאָך אין
די לאַנגע האָר.

לאַנגע האָר איז
לעבנס-זאַפט —
וואָס לייִנגער — אַלץ
מער כח, קראַפט!

און עסן עסט ער
פרוכט און נים,
און ער היט
זיין יעדן בים...

פלייש און פיש —
„באַרבאַרן-שפייז";
ער עסט נאָר „גרינס"
און „ברוינע" רייז.

װילט איר זײַן
אַזױ װי ער?
טאָ עסט אַ „פּײג״
און קײַט אַ „מער״.

װײכט פון פלײש
און װײכט פון פיש,
און איר װעט זײַן!
געזונט און פריש!

און ער אַלײן —
װי אַ „באָקסער״ דאַר,
און שװאַך איז ער
װי אַ „קאָמאַר״...

אַ טשיקאַווער טיפּ

נאָך אַ טיפּ
איז דאָ פאַראַן:
אַ טשיקאַווער
יונגער-מאַן.

ער גייט אַרום
אויף אַלע פיר —
מאַכט גרימאַסן
אָן אַ שיר.

אויפ׳ן קאָפּ
און אויפ׳ן נאָז —
שפּרינגט ער אומ׳עט
ווי אַ האָז...

אָט — אין ים,
אָט — אויפ׳ן זאַמד;
ער באַוועגט זיך
פלינק, צעפלאַמט!

אין באַד-קאָסטיום
טאָג-איין, טאָג-אויס,
שפּילט ער זיך
ווי „קאַץ און מויז...“

איינער דיינקט
ער איז „געריירט“,
אַז אַ פרוי
האָט אים פאַרפירט...

אַ צווייטער מיינט,
אַז ער איז קלאָר;
נאָר שכל פעלט אים
מער ווי האָר...

אַ דריטער שפּאַסט:
„איך מאַך אַ וועט,
אַז דער ליץ
איז אַ פּאָעט...“

אָט־אַזוי מען
חוזק׳ט, שפּאַסט,
ווי פּאַר „דאַטשניקעס“
עס פּאַסט.

געקומען הוליען,
לוסטיק זיין;
ניט גריבלען זיך
אין מענטשלעך פּיין...

נאַטור'ס קאַפּריז

ס'איז מיאַמי
זומער-מילד,
נאָר אָפּט נאַטור
זיך בייז צעשפּילט!

אַ טאָרנאַדע —
אַ מחבל,
און פאַרפּלייצונגען —
אַ מבול.

רייסן פּאַלמען,
ברעכן הייזער,
און פאַרניכטן
שפּייז און שפּייזער!

יאָרן-לאַנג
פון מי און שטרעבן —
אויפצובויען,
אויפצולעבן —

ווערט פאַרפּלייצט
און ווערט פאַרטרונקען,
און פאַרטראָגן
און פאַרזונקען...

*　　　*

נאָר ווען דער שטורם
גייט אַוועק;
מיט זיין שווידער,
מיט זיין שרעק —

שמייכלען ווידער
פּאָמעראַנצן,
גלוסט זיך ווידער
זינגען, טאַנצן!

לויכטן זון
און שטערן פילע —
בעטן, ווי
פאַרשעמט, מחילה...

ציטרעס-פרוכטן . . .

אָרום מיאַמי —
פרוכטן שיינע:
אָנגעלאָדן —
גרויסע, קליינע.

ציטרעס-פרוכטן
דרימלען, שוויגן, —
היינגען גאלדיג
פון די צווייגן.

דאָך דאָ פרוכטן
זיינען טייער;
הויכע פרייזן —
אומגעהייער.

די בעסטע פרוכט
מען שיקט אַרויס,
די ערגסטע — דאָ
פאַרקויפט מען אויס . . .

אַ גוטן ארענדזש
ווער עס גליסט, —
אויף אַ „פוש-קאַרט"
אין דער „איסט" . . .

פיש...

אין מיאַמי ביטש
ביי יעדן טיש —
עסט מען פיש,
שלינגט מען פיש!

געקאָכטע פיש,
געהאַקטע פיש,
געפילטע פיש,
געבאַקטע פיש,

וואו מען גייט נאָר —
פיש און פיש!
אַזש עס גיט
אין קאָפּ אַ מיש...

בלויע פיש,
געלע פיש,
רויטע פיש,
העלע פיש.

ביי יעדן ברעג,
ביי יעדן בריק —
שטייט מען מיט
אַ ווענטקע, שטריק.

אַלטע, יונגע,
קינדער — פישער,
און אַלע טאָג
קומט צו אַ פרישער.

און ביי יעדן
אויפ׳ן טיש —
ליגט אַ „לעקסיקאָן“
פון פיש.

וואונדער־שיינע
טעג און נעכט,
נאָר די מיידלעך
כאַפּן — „העכט“...

לאַנדשאַפט

מיאַמי ביטש
פּאַלאַצן, גלאַנץ:
אַ פאַרבן־שפּיל —
אַ צויבער־טאַנץ!

אַ זון, וואָס היילט;
אַ ווינט, וואָס גלעט;
אַ ים, וואָס רייצט,
וואָס רופט און רעדט.

און רייך איז ים
אין פאַרבן מין —
אין פּורפּור־רויט,
אין בלוי, אין גרין.

פּאַלמען — ווינקען,
יאַסמין — דופט,
און פול מיט כשוף
איז די לופט!

אינזלען, יאַכטן,
לופט־שיף, רוים —
אויפן וואָר
אַ הערלעך טרוים!

ליכט און שאָטן —
צויבער־שפּיל!
מאָלן בילדער
אין דער שטיל.

מאָלן קונסטווערק
מיט פאַרנעם —
נאָר ווייניג קוקן
דאָ אויף דעם!

וויפיל זעהן
דאָ איר פּראַכט?
אַ זון־פאַרגאַנג,
אַ זילבער נאַכט!

באַגערן זיינען
יונג און שאַרף,
הערט מען ניט
דעם צויבער האַרף.

זעט מען ניט איר
רייץ און שיין —
דערטרינקט מען איר
אין פרוי און וויין...

אינהאַלט:

זייט

פון ווינטער אין זומער — — — — — — — 5
מיאַמי ביטש — — — — — — — — — 8
מיאַמי ביטש — די שטאָט פון כל בו — 9
אַנדערש — — — — — — — — — — — 12
געלט איז ליבע — — — — — — — — 15
„געמבלינג” — — — — — — — — — 16
„ריל עסטייט בום” — — — — — — — 19
ליילאַכער — — — — — — — — — 23
פאַלמען — — — — — — — — — — 25
לייכטזין — — — — — — — — — — 28
וויין און פיין — — — — — — — — 30
אונטער דער זון — — — — — — — 32
רייך און גייסטרייך — — — — — — — 34
קאַלט און וואַרעם — — — — — — — 37
נעגערס — — — — — — — — — — 40
„האלי ראלערס” אין מיאמי — — — — 44
ווער איז ווער? — — — — — — — — 51
מיאמי׳ס תושבים (איינוואוינער) — — 55
די „באוערי” — — — — — — — — — 59
אַן אינדיאַנער דערפל — — — — — — 64
חלאָים (קראַנקע) — — — — — — — 72
דר. „נאטוראפעט” — — — — — — — 75
„עקסערסייז” — — — — — — — — 78
„צוויי ספּאָרטס” — — — — — — — — 80
וואַסער — — — — — — — — — — 82
אַ „האריקער” וועגעטאַריער — — — — 84
אַ טשיקאַווער טיפּ — — — — — — — 86
נאַטור׳ס קאַפּריז — — — — — — — 88
צימערס-פּרוכט — — — — — — — — 90
פיש — — — — — — — — — — — 91
לאַנדשאַפט — — — — — — — — — 93

דערקלערונג

(צו זייט 65)

*) די סעמינאל אינדיאנער זיינען יאָרן לאַנג פאַרפאָלגט געוואָרן פון די אַמעריקאַנער, נאָכדעם ווי אַמעריקא האָט אָפּגעקויפט פלארידא פון שפּאַניע. זי האָט זיי געטריבן פון זייער היים־לאַנד — די וואַרימע „עווער־גליידס", (זומפּן און טראָפּישע ווילדע וועלדער) ווייט, ווייט, אין די מערב געגנטן, וואו די מערסטע פון זיי זיינען אויסגעשטאָרבן פון דעם קאַלטן קלימאַט. יאָרן לאַנג האָבן זיי געקעמפט פאַר זייער לאַנד און פאַר זייער אַרט לעבן, אַזוי ווי אונטער דער שפּאַנישער רעגירונג. ענדלעך, האָט זיי דער פלארידער לעדזשיסלייטשור באַוויליקט אַ רעזערוואַציע פון הונדערט טויזנט אַקער לאַנד אין די „עווערגליידס", אָבער ביז יענער צייט זיינען פאַרבליבן פון זיי ניט מער ווי אַרום 600 נפשות. ביז היינטיקן טאָג זיינען די מערסטע פון זיי אומפריינדלעך צו די אַמעריקאַנער — זייערע פאַרפאָלגער.